STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03966

DER HAYNTIGER IDISHER MUZSHIK

Mordecai Spector

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. ספעקטאר.

דער היינטיגער אידישער מוזשיק

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

1910.

יוסעלע ר׳ שמעלקעס.

I.

ר׳ שמעלקעס זוהן יוסעלע איז שוין איבערגעקומען דעם פּריזעוו און דיא פּטהיר פון זיין פּאטערס הויז האט זיך ניט פערמאכט פון שדכנים, מען האט איהם גערעדט דיא לייטעשטע שידוכים, ווייל ר׳ שמעלקע זיין פאטער האט א אייגען הויז אין דער גרויסער שטאדט וו. נוא, אז מען האט אין אזא גרויסער שטאדט א אייגען הויז, וואס ברייננט פּריכאָד עטליכע טויזענד רובעל יעהרליך, פּארשטעהט איהר שוין אליין אז ר׳ שמעלקע איז איינער פון דיא שענסטע אידען אין וו. ווער שמועסט נאך אז ר׳ שמעלקע גיט אויך זיין יוסעלע׳ן עטליכע טויזענד רובעל נדן, קענט איהר זיך שוין פארשטעלען מיט וויפיעל טויזענדער דיא שדכנים האבען איהם אנגעשלאגען. דערצו האט יוסעלע געשמט פאר א פיינעם יונגען מאנן, שטענדיג האט מען איהם געזעהען שיין און ריין אנגעטאהן. ניט נאר דיא שטיוועלאך, נאָר אויך דיא חאליאווקעס האבען ביי איהם שטענדיג געגלאנצט, א ווייסגעפּרעסטע מאנישקע מיט א גרויסען קאלירענדיגען האלדז־טוך האט ער שטענדיג געטראגען, דערצו דאס ברייטע שווארצע היטעל, דיא דענקע האט פּראסט אַראפּגעשיינט פון איהם. א ווייס, אויסגעהאָליעט פּנים. צייטענווייז, ווען ער פלעגט זיך פארפאליען, האט ער בעקומען צו ביסלאך פארב אין דיא באקען.

פון דעסטוועגען דער גאנצער יוסעלע צוזאמען האט ניט געהאט אזוי פיעל סימפאטיע, וויא פיעל איהר, ליעבער לעזער, קענט זיך פארשטעלען. פון דעסטוועגען געפינט זיך א סך עלטערן, וואס וואלטען זיך געוואונשען יוסעלע האבען פאר איין איידעם. דיא גרעסטע מעלה וואס יוסעלע האט געהאט און מען האט עס געשעצט מעהר וויא אלעס, איז געוועזען דאס, וואס ער האט געוואוסט וויא אזוי צו שאנעווען א גראשען. מען האט בעשאנפערלאך געזעהען וויא יוסעלע וואקסט מיט יעדען טאג, פון א גראשען ווערט ביי איהם א רובעל, פון א רובעל צעהן און פון צעהן הונדערט. אויף איהם האט יעדער געקוקט וויא אויף א פארטיגען גביר. און יוסעלע אליין האט זיך טאקע געסטארעט.

ניט קוקענדיג דערויף, וואס ער האט זיך אין קיין זאך גענוזשדאיעט, געהאט ביי זיינע פערמעגליכע עלטערן אלעס גרייטס, פון דעסטוועגען, וויא עס איז נאר געווארען ביי איהם דער ערשטער הונדערטער, האט ער איהם אנגעהויבען אוועקלייען אויף פראצענט. פריהער האט ער דאס געשעפט גע־מאכט טאקע דורך זיין אייגענעם פאטער, וועלכער פלעגט פון זיך אוועק־לייהען זיין יוסעלעס הונדערטער צוזאמען מיט זיין געלד. נאר דערנאך האט זיך יוסעלע ארומגעקוקט, אז זיין פאטער עקספלואטירט איהם, עס וואלט שוין פון הונדערטער געקאנט ווערען 300 און צום סוף האט איהם זיין פאטער געזאגט, אז עס איז ערשט דא 150 רובעל. ער האט זיך בעטראכט, אז מיט פרעמדע הענד איז גוט פייער צו שארען, אפילו מיט דיא הענד פון אייגענעם פאטער. ער האט זיך אליין גענומען צו דעם געשעפט און האט געוואקסען מיט יעדען טאג.

ווען מען האט יוסעלען אנגעהויבען רעדען שידוכים, האט ער גוט גע־וואוסט זיין ווערטה און ער איז געווען זעהער צופריעדען, וואס ער איז א בחור, ניט קיין מיידעל....

— עס איז זיך פראסט א פערגנינגען, — פלעגט ער אפט טראכטען, — מען צאהלט צו געלד! אז דיא כלה איז ניט אזוי שעהן, גיט מען מעהר מיט פינף טויזענד, און ווען דערצו, ווען נאטט העלפט, אז דיא כלות על־טערן קומען ניט ארויס פון קיין שענערע פאמיליע, גיט מען מעהר מיט צעהן טויזענד. פרא־מיר, פלעגט ער זאגען, מעגען זיי אללע זיין קאליקעס.

אבי מעהר יעקאטערינעס. דאס מיידעל, יענע מיידעל, דיא פריילין, אלץ איין שווארץ יאהר, געלד און געלד און ווייטער געלד, אויף דערויף שטעהט דיא גאנצע וועלט.

מיט איין ווארט, ר׳ שמעלקעס זוהן איז געוועזן איינער פון דיא לייר־טעשסטע וו—ר יונגע לייט.

ר׳ שמעלקע אליין מיט זיין שמעלקעבע זיינען זעהר געוועזן גליקליך און שטאלץ, וואס גאט האט זיי בעשערט אזא סטאטעטשנע קינד. און וויא פיעל פון אונזערע טאטעס און מאמעס וואלטען זיך געוואונשען אזוינע זיהן און אזוינע מאנען פאר זייערע טעכטער, וואס דען? אפשר אט דיא יונגע לייט וואס האבען נאר אין זינען דיא נארישקייטען, ביכלעך און שמיכלעך, ליעבעס מיט מיבעס, אט דיא זיינען אפשר מענשען?

יוסעלע אליין פלעגט לאכען און שפאטען פון אלעס. ער האט זיך זיינע אייגענע עטליכע פראווילעס אין לעבען: מיט יעדען ריידען פריינדליך, יעדען שיינקען איין אומזיסטיגען שמייכעל. נאר צו זיין קעשענע האט ער קיינעם ניט צוגעלאזען, און דער, וואס האט שוין געהאט דאס אונגליק זיך אנריהרען אין יוסעלעס קעשענע, איז ער שוין קיין לעבעדיגער קיין מאל ניט ארויס, יוסעלעס פראצענטען פלעגען יענעם האלטען א סך שטארקער וויא אייזערנע קייטען.

יוסעלע פלעגט אויך ביי זיך אין הארצען לאכען און שפאטען פון דיא אייניגע פון זיינע חברים, וואס האבען זיך אינטערעסירט מיט לערנען און ביכער לעזען און פון געלד האבען זיי גאר נאך ניט געוואלט טראכ־טען. יוסעלע האט מורא געהאט זיי צו שטראפען עפענטליך דערפאר, ווייל ער האט געוואוסט אז זיי וועלען איהם ניט שאנעווען, און איהם גלייך באצאהלען מיט דיא ווערטער: „מוזשיק, גראבער יונגאטש, פראצענטניק, יונ־גער בלוט־צאפער“. ער פלעגט מאכען א שוויינ, אראבשלינגען און ביי זיך נאר טראכטען: „א נוא, מיר וועלען נאר עלטער ווערען, וועלען מיר זעהן וועמ׳ עס וועט מאכען בעסער, איהר מיט אייערע ביכלעך שמיכלעך אדער איך מיט דעם גראשען. מען האט שוין געזעהען וויא נרעסערע קענערס, וואוילערע יונגען פון אייך, בוקען זיך צו דעם גראשען“.

מעהר ווי פון אללעמען פלעגט יוסעלע לאכען פון זיין חבר שלום גרינבוים דער פאר וואס שלום פלעגט זאגען: אז חאטש מע רעדט איהם אויך אזוינע געלד־שידוכים וויא אים, יוסעלען, פון דעסטוועגען וועל איך נאָר חתונה האבען פאר דער, וואס וועט מיר געפעלען. וועט זיא האבען געלד — זעהר שעהן, ווען ניט, וועל איך זיא נעהמען אָהן א האלבען גראָשען.

— אָט דאס הייסט נאַרריש, פלעגט זאגען דער קלוגער יוסעלע (ער פלעגט זיך זעהער האלטען פאר קלוג און פראקטיש) — נאָך פיעל ערגער וויא דיא, וואס האבען נאך אין זינען דיא פוסטע ביכלעך. דיא ביכלעך וועלען זיי סוף כל סוף מוזען אוועקווארפען, ווען זיי וועלען וויסען וואס הייסט געלד אויף דער וועלט. אָבער פערליעבען זיך, חתונה האבען אהן א גראָשען נדן, דאס איז זיך, ערשטענס 20 טויזענד רובל אליין מיט דיא אייגענע הענד פון קעשענע ארויסגעווארפען, און אין צווייטענס איז זיך עס פראָסט א׳ן אונגליק אויף אייביג, מען וועט שוין מעהר ניט קענען חתונה האבען מיט 20 טויזענד רובל נדן.

II.

דאס מוזשיטשקע קעפעל האָט זיך נעבאך פערפלאָנטערט.

אזוי איז ביי יוסעלע׳ן נאך אוועקגעגאנגען עטליכע יאָהר נאָך דעם פריזיוו. שדכנים האבען נאָך אָפטער געטרעטען דיא שוועל פון ר׳ שמעלקעס הויז, ווייל יוסעלע איז וואס א מאָל אין דער פרייז טייערער געוואָרען און דארום האט זיך יוסעלע טאקי ניט געאיילט. ער האט גוט געוואוסט, אז וואס א יאהר ווערט ער טייערער מיט דריי אָדער פינף טויזענד רובל. ר׳ שמעלקע מיט דער שמעלקעכע האבען ניט געוואָלט צוטרייבען זייער טייערע קינד, ערשטענס האבען זיי אויך געוואוסט פון יוסעלעס חשבון און צווייטענס האבען זיי געוואוסט, אז מיט זייער יוסעלען האבען זיי קיינמאל ניט וואס צו זארגען. אי ער איז שוין ניט קיין יונגער בחור, נאָר היינטיגע געבילדעטע וועלט איז זיך א מאָדע צו זיין איין אלטער בחור, מח מען אמאל נאָך טאָהן דיא מאָדע אויך.

נאָר עפּעס פון אַ צוויי דריי חדשים וויא אונזער יוסעלע, דאס היטרע מוזשיקעל, וויא זיינע חברים פלעגען איהם רופען, האט עפּעס אָנגעהויבען זיין כלל ניט פּאכאָזשע אויף זיך. ער האט זיך אנגעהויבען פארטראכטען, אמאָל טרויעריג ווערען און גאנץ אָפט האָט זיך ניט ווילענדיג ביי איהם ארויסגעריסען אַ שווערער זיפץ פון טיעפען הארצען. פון זינט ער לעבט, ווען ער פלעגט זיך נאָר ליינען שלאָפען, פלעגט ער באלד אָנהויבען חראָפּען טאקי וויא אַ אמת׳ער מוזשיק, נאָר אָט דיא לעצטע נעכט פלעגט ער זיך קאטשען אוף דעם געלעגער גוטע דריי שעה ביז ער פלעגט אנשלאָפען ווערען, און אמאָל אויך ביז אין ווייסען טאָג.

— וואס איז מיט מיר? — פלעגט יוסעלע רעדען מיט זיך, קאטשענדיג זיך אין בעט, — וואס קומט מיט מיר פאָר? עס איז דאָך שרעקליך, אַ פּראָסטער אונגליק אויף מיר.... שוין זשע איבער דאס פארשיווע מיידעל, חאַ חאַ, אַ האלבע צונג וואלט איך זיך איבער דעם וואָרט בעדארפט אָבבייסען, איז נאָך דען דאָ אזאַ שעהנע וויא זיא אין אונזער גאנצער שטאָדט וו.? און גלאט אזוי, אַזוינס און אַזעלכעס האָב איך דען אין מיין לעבען געזעהען? עס ווייזט אויס אַ פנים, אז איך האָב זיא ליעב, ווארום וואס דען קען איך ניט אַנשלאָפען ווערען? ווען איז דאס מיט מיר געווען? פאר וואס, ווען איך זאָל זיא קענען יעדעם מאָל זעהען, חאָטש אַ וואָרט רעדען, וואָלט איך דאכט זיך פאר איין וואָרט באצאהלט פינף קערבלאך. און פאר וואס נאָר זיא, ניט קיינעם, נאָר זיא וויל איך זעהען, און ווען איך זאָל מיט איהר אַ וואָרט רעדען און.... און (ער האָט זיך פארחלינעט און געגעבען אַ הוסט) און איהר האנד נעהמען.... זאגען איהר „אַ גוטען טאָג״.... אוי וואלט איך גליקליך געווען! אָ, ווען מע רעדט מיר זיא פאר אַ כלה, זיא ווייזט אויס פון רייכע עלטערן, וואָלט איך באלד אַ חתן געוואָרען און טאקי באלד אָבגעשטעלט דיא חתונה. עס וואלט מיך ניט געארט ווען עס זאָל אפילו פעהלען עטליכע הונדערט רובעל צום נדן. איך וואלט זיך דערפאר מיט אללע מיינע קרעפּטען געסטארעט פארגרעסערען מיין קאפּיטאל, אָרעמערע מענשען אַוועקגעגעבען אַ טהייל געלד אויף פּראָצענט, ווייל ביי זיי, דיא געמיינערע סוחרים׳לעך, קען מען נעהמען פּראצענט וויפיעל מען וויל נאָר, זיי פרעגען גאָר ניט.

אבי גיב זיי נאָר דיא 50 רובעל. ביי געמיינערע סוחרים ווערט א מאָל מעהר פארפאלען וויא ביי דיא גרויסע, אָבער דער פּראצענט פון דיא ניט פארפאלענע צאהלט שטענדיג אָב. דערפאר ביי דיא גרויסע, ווען עס ווערט פארפאלען, איז טאקי א שרעק! יא, פאר דעם ווינציג נךְ, וואס איךְ וואלט ביי איהר גענומען, וואלט איךְ זיךְ נעססארעט מיט אללע מיטלען פארגרעסערען מיין קאפּיטאל. אוי וויא גליקליךְ וואָלט איךְ געווען זיא האָבען פאר א פרוי מיט א גרויסען קאפּיטאל. איךְ וואָלט פון קיינעם אַךְ פון גאָרנישט דאן געוואלט וויסען, נאָר זיא און מיין פייער־קאססע.

ער האט זיךְ אויפגעזעצט אויף דעם בעט און זיךְ צו עפּעס צו־געהערט.

— ניין, עס פאהרען ניט דיא פּאָזשארנע, געווים א פערשפּעטיגטער בינדוזשניק פאהרט אויף דעם שאָססע, וואס הילכט אזוי. אוי ווען עס זאָל איצט לויפען דיא פּאָזשארנע! אפשר וואלט איךְ זיא איצט אויךְ דאָרט געזעהן, איךְ קען דען שלאָפען?....

זינט יוסעל לעבט, האט ער קיין מאל קיין אינטערעס געהאט צו לויפען אויף א פּאָזשאר, חאטש ער האט געמעגט זעהען לויפען דיא פּאָ־זשארנע אדער דעם רויטען פּאָזשארנע זנאק פון דער קאלאנטשא, ווער שמיעסט אויפשטיין ביי נאכט פון זיין ווייבען, ווארימען געלעגער. און באמת, וואס האט ער געהאט צו לויפען? זיין פאטערס הויז און אלעם וואס האט זיךְ נאר געפונען אין דעם גאנצען הויז איז געווען פארסעקורירט מעהר פון דער ווערטה. ביז זיין ספּאָלנע איז נאךְ ווייט דאס פייער און אויף דעם הונדערטען פאלל, ווען מען איהם געבען צו וויסען, ווען זייער הויז וועט זיךְ אָנצינדען, ער וועט קענען ארויסגעהן וויא ער שטעהט און געהט. דיא „סטראכאָוואָיע אָבשצעסטוואָ״ וועט דערנאָךְ גוט בעצאהלען און מען וועט דאס אלל אלטעס קענען פערבייטען אויף אלעם נייעס.

נאָר ערשט נעכטין שפעט באנאכט, ווען ער האָט אויך ניט געקענט שלאָפען ווייא היינטינע נאכט, האָט ער פלוצים דער הערט דעם רעש פון דיא פאזשארנע־ שווערע רעדער און דאָס קלינגען, ער האָט זיך עפּעס וויא מיט פרייד אויף געזעצט, ניט בעטראכטענדיג, גיך זיך אנגעטהון און ארויס געלאָפען פון שטוב, אפילו פערגעסען פארשליסען דיא טהיר, „עס איז זייער סקוטשנע אזוי צו ליגען, איך וועל חאטש זעהן א לעבעדיגען מענשען״ האָט ער געזאגט און איז מיט א הימפעט געלאָפען אין דער זייט וויא א שטיק הימעל איז געווען זייער רויט, ער איז געלאפען פונקט וויא זיין גאנץ פערמעגען ברענט דארט! —

דרעהעדיג זיך אזוי נעבען פאזשאר האָט ער, צו זיין גרויס גליק, פלוצים זיא דערזעהען, זיא איז געשטאנען נעבען אהויז אויף א באנק, וויא דער דווארניק פון דעם הויז זיצט שטענדיג באנאכט און היט דעם טויער, אויף דער ניט לאנגער באנק וואו עס האָבען זיך געקענט שטעלען צוויי אדער דריי מענשען, זיינען געשטאנען פיער פרויען און זיא אויך און מען האָט זיך אנגעהאלטען איינס אָן דעם אנדערען, מען זאָל ניט אראב פאלען. זיא איז געגאנגען אנגעטהאן נאר אין א וויים קליידעל און דער גאנצער קערפער מיט א האלבע קאָפ איז געווען פערוויקעלט אין א טויקלען שאל, דיא רויטע שיין פון פאזשאר האָבען אבגעשיינט אויף איהר ליכטיג שיין געזיכט, איהר זעלטענע רייכע בלאנדע האָר, האבען זיך ניט פערקעמט וויא פארפלאנטעט אהן א פארמע צו ווארפען צו שויבערט זיך איבער איהר העלל־ פאנס־שיינענדיג געזיכט, איהרע בלויע הימעל־אויגען האָבען פון אינטער איהרע זיידענע צוואוארפענע האר ארויסגעקוקט וויא אהאלבע נייע לבנה, שיינט פון א שיטערען יונגען גרינעם סאסנע וואלד אין א לויטערע שיינע נאכט.

פון אוינגשאפט, פון פארנעמענדיג איין האנד צו צוהאלטענדיג זיך צווישען דיא פרויען, איז דער שאל אויף איין זייט אראָב געפאלען און יוסעלע האָט זיא געזעהען אזוי, אז עס האָט איהם אנגעהויבען פינקלען פינטלען און בריליאנטעווען אין דיא אויגען אזוי וויא מען קוקט באטאָג אין דער זונן.

— פארדעק דיר דאָס הארץ, גאלדעטשקע מיין לעבען, דו קענסט זיך נאָך ח״ו פארקילען, האָט געזאגט א יודענע פון דיא וואס האָבען זיך איינס אין דעם אנדערען אנגעהאלטען אויף דער באנק.

ווען גאלדעטשקע האָט זיך גוט פארוויקעלט מיט דעם טינקלען שאל, איז יוסעלען פינסטער געווארען אין דיא אויגען פונקט וויא דיא זונן האָט פארנאכט דעם

לעצטען קוק געטהון און זיך אראבגעלאזט אונטער דער יארמעלקע פון הימעל.

נאר באלד האָט יוסעלע ווייטער א קוק געטהון אויף איהר געזיכט און איהם איז ווייטער ליכטיג געווארען אין דיא אויגען, אפשר ניט אזוי ליכטעג ווען מען קוקט אין דער זונן, נאר אזוי ליכטיג וויא דיא לבנה געהט אויף אין א גרויסען רויטען ברענענדיגען געשטאלט.

ער האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען און איז צו געלאָפען צו איהר און זיא געפרעגט.

וואו ברענט? ווייסט איהר ניט וואו עס ברענט?

— איהר זעהט דען ניט וואו, אָט איז זיך דער פאזשאר, האָט זיא איהם געענטפערט, און א ווייס שיין נאקעט הענדיל האָט זיך ארויסגערוקט פון שאל און אנגעוויזען אין דער זייט וואו עס האָט געברענט.

— בא ווערען ברענט? האָט ער ווייטער געפרעגט ביי איהר, ניט דער פאר וואס איהם אינטערעסירט, נאר גלאטט ער זאל האָבען איין סלוטשאי מיט איהר צו רעדען.

— איך ווייס ניט בא ווער, לויפט בעסער העלפען קאטשען וואסער, עס איז שפעט באנאכט עס איז ווינציג מענשען דאָ מען זאל ראטעווען, לויפט־זשע גיכער איהר זעהט ניט וויא דאס פייער פארגרעסערט זיך?

ווי א קאטץ וואס מען גיסט זיא פליצים אב מיט הייסע וואסער פארקאטשעט איהרע אויערן און דעם עק און האלט אין איין לויפענעש, אזוי האָט אונזער יוסעלע פארקאטשעט די לאנגע פאלעס מיט די פיסלעך און איז געלאָפען צו די פאזשארנע, א פאָליצייסקע האָט איהם באלד געשטעלט צווישען נאך אנדערע ביי דער וואָדאָ־קאטשקע, און יוסעלע האָט זיך א גאנצע האלבע שעה געהויבען ארויף און אראב ביז ער איז זעהר מיעד געווארען און איז וויא א העלד פון איין אנגענעמענער מלחמה וואס אין איינגעטהונקען פולל און בלוט מיט ראנעס וואס לויפט צו זיין געליעבטע, אזוי איז יוסעלע אויך פולל מיט בלאטע, נאס וויא א אבגעבאדענע קאץ מיט ראנעס אויף דיא הענד, אויך געלאָפען צו זיין געליעבטע, אויף דער באנק, זיא זאל אליין זעהן זיין גרויסקייט און זיין העלדשאפט, נאר דיא באנק וואו ער האָט צוריק מיט א

האלבע שעה געזעהען א זונן, א לבנה האט ער נאר געפונען א פינסטערע כמארע נאכט, אויף דער באנק האט ער געפונען דריי אלטע ווייבער מיט צושויבערטע גרויע האר און צוויי גראבע מיעסע מיידען וואס האבען זיך איינס דאס אנדערע געקנאפט, אראב געווארפען איינס דאס אנדערע פון ביינקקעל און האבען עפעס געחיחקעט— געלאכט, עס האט אויסגעוויזען אז דיא צוויי גראבע מיידען האבען פון ווייטענס דער זעהן שטעהן קוקען אויף דעם פאזשאר "זייער זונן" אדער "לבנה", און האבען א פנים אך־מיסטען געמאכט א געפילדער מיט זייער ביבירקעריי, כדי זייערע "זונען" און "לבנות" זאלען אויף זיי א קוק טהון, מען זאל דער נאך, וויא דער שטיינער איז קענען כאפען "א געזאגעכטס" ווארום ווען קען זיך נאך אזוי גיך טרעפען א פאזשאר עס זאל זיין א איבערענער סלוטשאי מען זאל זיך קענען זעהען מיט דיא געליעבטע ?

נאר וואס קומט ארויס ? אונזער יוסעלע האט זיין "זונן" און "לבנה" שוין מעהר ניט געפונען.

א געראנעטער, א צושלאגענער, א פארנעטצתער און פון קאפ ביז דיא פיס א פארבלאטעקטער האט ער זיך קוים פארשלעפט אהיים, ער איז אזוי געוועזען צר בראכען און מיעד אז ער האט אפילו ניט געטראכט פון איהר און איז באלד וויא א דערהארגעטער אנידערגעפאלען שלאפען מיט א זעלטען ניי כראפעריי. מיט אזוינע נייע פייפען און סווישטשען וואס אין גאנץ לעבען איז אללע יאהרען וואס ער שלאפט איז נאך אזוינע פייפען און סווישטשען פון יוסעלעס נאז ניט ארויס.—

היינט פארשטעהט איהר שוין, ליעבע און טייערע לעזער, וואס פאר א פייפען און סווישטשען עס איז ארויס יענע נאכט פון יוסעלעס נאז ?

אויף מארגען דעם גאנצען טאג און איצטיגע נאכט האט ער ניט אויף געהערט צו טראכטען און רעדען מיט זיך וועגען איהר — "גאלדעטשרע" וויא ער האט זיא דאס ערשטע מאהל געהערט נעכטען אנרופען. —

ניט קענענדיג אנטשלאפען ווערען האט זיך יוסעלען געבעך איצט אויך פארגלוסט א פאזשארעל, ער האט געהערט שווערע רעדער קלאפען איבער דעם שאססע, נאר דאס איז ווי יוסעלען אויף צוזעצענעש ניט געוועזען קיין פאזשארנע נאר גלאט אזוי א שווערע פיהר. וויל מען האט ניט געהערט קיין גלעקער קלינגען, האט ער זיך צוריק געלייגט.

— איך האָב זיא נעכטען ביים פּאָזשאר נאָך אמאָהל געזעהן, איך האָב זיא באלד דערקענט. נאָר ווער איז זיא ? ווער קען זיא זיין ? נוא איך וויים שוין אז זיא הייסט גאָלדע, גאָלדעטשקע, גאָלדוניע, גאָלדעלע מיין לעבען, גאָלדיוסענקע מיין טייערע, נאָר וויפיעל גאָלדעס געפינען זיך אין ווו. אָבער דיא גאָלדע, מיין גאָלדעטשקע וואו געפין איך ? איך האָב נעכטען אין זינען געהאט נאָך געהן טריט בייא טריט ביז איך וועל וויסען וואו זיא וואָהנט, באטאָג פּאסט מיר ניט, נאָר איך האָב זיא שוין ניט געפונען.

מיט זיסע געדאנקען וועגען איהר, וועגען גאָלדעטשקען, האָט זיך איהם אנגעהויבען דרימלען און שטארק געגעצען, עס איז איהם נאָך אויפגעקומען אויף דעם געדאנק זיינע קליידער וואס זיינען נעכטען ביים פּאָזשאר איבער איהר פארנעצט און א תל געוואָרען, נאָר באלד איז ער געשמאק אנטשלאפען געווארען.

III.

יוסעלע קריכט אויף דיא גלייבע וועגד.

וויא אויף צוזעצעגעש איז שוין אוועקגעגאנגען מעהר וויא דריי וואָכען און אין דער גאנצער צייט האָט ער זיא אפילו איין מאָל ניט באגעגענד פּונקט וויא זיא איז אין וואסער אריין, פריהער האָט ער זיא אין א צייט פון עטליכע וואָכען כמעט יעדע צווי דריי טאָג באגעגענד און א מאָהל אויך יעדען טאָג.

צוועלף ביי טאָג ווען ער פּלעגט פּונקטליך יעדען טאָג געהן אויף דעם באנקאווע פּלאַטץ, נעבען דער קאנדיטעריי וואו עס דרעהען זיך ארום דיא וואָכערניקעס, דיא פּראָצענטניקעס מיט דיא אויסגעבערשטעלטע דענקעס, מיט דיא נעפּוצטע שטיוועלעך און כאָלועוקעס, דרעהענדיג אין דער האנד רויטע יאמשאָווע שטעקעלעך מיט לאנגע העלפענביינערנע גאָלקעס, דרעהענדיג זיך ארום הין און צוריק וויא דיא ווילדע חיות אין דיא אייזערנע סטייגען, און שמעקען, שמאָרען און שנאָרען מיט דיא נעזער און בליקען מיט דיא אויגען, און יעדען טאָג, וויא אויף דער בירזע פון דיא געלד־קורסען, דערוואוסט מען זיך דאָ איינער ביי דעם צווייטען ריכטיג ווען מען מעג ווייטער שינדען דיא הויט - לייען געלד, אדער מען דערוואוסט זיך אז יענער האָט שוין אויף זיך קיין הויט ניט און מען דארף נאָר אין דער

צייט אראבשינדרען פון איהם דיא דארע פעל און פערקויפען פאר א גאר נישט דיא וואס האנדלען מיט אלטע אבגעניציוועטע זאכען.

ווען יוסעלע ר' שמעלקעס פלעגט פינקטליך יעדען טאג געהן אהין מיט זיין שטעקען מיט דיא וויס־העלפענביינערנע ג. לקע און מיט איין אנגעגרייטער נאז, אויף צו שמארען און שנארען, פלעגט ער גאנץ אפט באגעגנען זיא געהן, אמאהל פלעגט זיא זיך אויך אבשטעלען אויף א מינוט און פארייסען איהר שיין קעפעלע צו דעם זייגער וואס קוקט ארויס אויף דעם פלאשטשאד פון דעם גרויסען הויז וואו עס געפינט זיך דער „גאסודארסטווענע באנק" דאן פלעגט יוסעלע גוט קענען באטראכטען איהר געזיכט מיט איהר פאריסען וויס העלזעלע, אפט פלעגען זיי זיך באגעגנען מיט דיא אויגען, זייא האבען זיך שוין אזוי גוט געקענט אז ווען זיי פלעגען זיך באגעגנען פלעגען זיי זיך ניט ווילענדיג גריססען, ער פלעגט א שאקעל טהון מיט זיין דענקע און זיא מיט א זיסען שמייכעל, און יעדער מאהל דער ביי פלעגט א ביסעל פון איהרע שיינע האר אריבער פאללען איבער איהרע גוטע אויגען, אויגענבליקליך פלעג : זיא זיך בעוועגען מיט דעם קאפ און דיא האר האבען אליין זיך צולעגט אויף זייער פריהערינע ערטער.

נאר איצט שוין מעהר וויא דריי וואכען אז ער באגעגנד זיא ניט. ער פלעגט זיך זאממען אויף דער „מענשען־פרעסענדיג בירזשע" מעהר וויא מען בעדארף און פלעגט זיך דרעהען אויף דעם ארט, וואו ער פלעגט זיא שטענדיג באגעגנען, הין און צוריק הונדערט מאהל, נאר זיא איז וויא אין וואסער אריין! ניט דא! פאר פאלען! טויזענדער פריילען מיט דאכט זיך, פינקטליך אזוינע היטעלעך וויא זיא טראגט, מיט אזא שיינע פאבאדקע וויא זיא געהט, אט דאכט געהט זיא. אט איז זיא, דאכט זיך אזוי שיין, אזוינע בלאנדע האר, אזוינע אויגען, נאר פארט ניט זיא, אפשר פאבאזשע אבער ניט וויא זיא, זיא איז נאר איינע און ווייטער איז קיין גלייכען צו איהר ניט דא, און זיא אליין איז מעהר ניט דא, זיא איז פערפאלען געווארען.

א צייט, א צייט איז אונזער יוסעלע ארום געגאנגען טרויעריג, פארשווארצט, פארקלאגט מיט שווערע זיפצען אין הארצען, צו די שדכנים'ס רייד האט ער אנגעהויבען ווערען קעלטער, ער האט נאך געהאפט טאמער ועט זיא פארט באגעגנען.

— נעבאי וואלט איך געוואוסט אז זי איז געשטארבען, נו. נאך א טויטען מוז

מינן פאר געסען, אָבער וויא וועל איך עס איבער לעבען אז איך וועל שוין האָבען חתונה או וועל זיא דער נאָך ערגעץ באגעגנען און ווער ווייסט, אפשר מיט דער צייט וועל איך זיא באגעגנען מיט א מאן, וויא וועל איך עס קענען איבער טראגען, מיין הארץ טהוט מיר שוין אזוי אויך וויי איבער איהר.

געהענדיג אויף דער גאס מיט דיא געדאנקען האָט ער זיך פלוצים אָבגע־שטעלט נעבען שניידערשען מאגאזין וואָס נעהט איהם שטענדיג קליידער. דער נאָך האָט ער זיך דערמאנט אז דער שניידער האָט איהם געזאָגט אויב ער וויל זיין פאלטאָ זאָל זיין פארטיג אויף שבת זאָל ער אריינקומען אָנמעסטען. ער איז אריין געגאנגען, ווען יוסעלע איז שוין געשטאנען אקעגען דעם שפיגעל און דעם פאלטאָ געסטריגעוועט מיט ווייסע ביינוועלעך אָהן ארבעל, זיין שניידער קאָפעל ליכטמאן האָט זיך איינגעבויגען אין דרייען געצויגען דעם פאלטאָ פון אללע זייטען און גע־דרונגען יוסללע ר׳ שמעלקעס אז דער פאלטאָ איז גענוג לאנג און פון דריי מיט א האלבען ארשין קען לייגער ניט זיין.

— איהר האָט איהם קאליע געמאכט ער איז איינג. שמאָהל און קורץ, אזא פאלטאָ קען מען מאכען פון דריי ארשין אויך, פארגעסט ניט וויפיעל טייער דער קאָרט קאָסט, האָט יוסעלע געזוגט מיט א ׃ ונצופרידענער מינע.

קאָפעל פאר שוויצט און פאר האָרעוועט. האט נעבעך א שווערען זיפטץ גע־טהון, אסאך קנייטשען האבען זיך געוויזען אויף זיין פארהארעוועט אויסגעמוטשעט געזיכט: —

פאר דיא לייטעסטע מענשען קען איך נייען, און פאר דעם יונגען גראען רייכען מוזשיק קען איך ניט. ער בעשולדיגט מיר נאָך אז איך האב בא איהם גע־גנביט א האלבען ארשין, ער ווייסט דען ניט אז איך בין ניט פון דיא שניידערס, נאָר אבי ביים צאהלען זאָל ער האבען א סלומשאי עפים אבצורייסען פון א ארעמען שניידער, זיין טאטענס פראצענטאווע געראבעוועט יודיש געלד קאסט איהם טייער, אוי דאָס וויסטע יודישע שניידעריי, נאר מען מוז אללעס שווייגען, ווען מען דארף הייַנטיגע שווערע צייטען מפרנס זיין א ווייב מיט קינדערלעך, אזוי האט נעבעך דער שניידער געטראַכט ביי זיך און יוסעלען געזאגט:

— גלויבט מיר, אויף מיין יודיש ווארט, אז איך דאב ביי אייך גאר ניט געגנבית, איך בין א ארעמאן נאר מיין פרנסה פאר דיען איך זיך שווער און ערליך.

IV.

דער העלד ווערט פארברענט פון ליעבע.

יוסעלע האט נור וואס געעפענט דעם מויל דעם שניידער צו ענט־פערן, האט זיך געעפענט דיא טהיר און זיא, גאָלדעטשקע איז אריינגע־לאפען מיט א פארפאליעט געזיכט. אויף גיך איז זיא דורכגעלאָפען דעם מאגאזין און איז פארפאלען געווארען דורך דער טהיר, וואו עס געפינט זיך דיא ראבאָטשע, פארביילויפענדיג האט זיא אויף גיך א קוש געטאָן דעם שניידער און אהן ווערטער האט זיא דער שניידער פון זיך אבגעלאזט, נאָר עפעס וויא מיט היימישע געטרייע אויגען געקוקט אויף דער טהיר, וויא זיא איז פון מאגאזין אריינגעגאנגען.

ערשט דערנאָך וויא זיא איז ניט געסטאיעט, האט יוסעלע פערמאכט דאס אָפענע מויל, דערזעהען אין שפיעגעל וויא ער שטעהט אין ווייסע סטריגעוועס אהן ארבעל און איז רייט פונקט גלייך וויא ער איז נאָר וואס ארויס פון א שוויטץ באָד. אליין איז ער געשטאנען פארטומעלט און פארטשאדעט.

— דער פאלטאָ ליגט אויף אייך אויסגעצייכענט, האָט דער שניידער געזאָגט, און איהם אביסעל דערמאָנט וואו ער איז אין דער וועלט, נאָר אָט דאָ ביי דער טאליע אויף איין זייט וועל איך א ביסעל פארכאפען.

— עס וויזט מיר אויך אויס, אז ער ליגט אויף מיר אויסגעצייכענט, האט יוסעלע געזאָגט מיט א גוטער מינע.

דער שניידער האט איהם באלד אויסגעטאהן און יוסעלע האט זיך געזעצט מאכען א פאפיראָס פון א גרויסע, שווערע, זילבערנע טאבאטשניצע.

— ווער איז דיא פריילין וואס איז נאָר וואס דורכגעגאנגען, אייערע איין איי־גענע? האט יוסעלע געפרעגט דעם שניידער.

— עס איז מיינע א טאָכטער, האט דער שניידער געענטפערט מיט שטאָלץ.

— איהר נייט שוין פאר אונז אזא צייט און איהר האט אונז קיין מאל ניט געזאגט, אז איהר האט אזא פיינע טאָכטער.

— וואס דארף איך יעדען זאקאזשטשיק דערצעהלען וועגען מיינע קינדער, איך דארף נאָר אז מיין געניי זאָל יענעם געפעלען.

— אָבער איהר גייט שוין ביי אונז אזא לאנגע צייט, איהר זיינט שוין ביי אונז וויא א היימישער און איהר האט אונז קיין מאל ניט דערצעהלט.

די ווערטער זיינען פאר דעם שניידער געווען וויא א היילונג, די ווערטער האבען איהם געוויזען, אז אויסער וואס ער איז א שניידער, רע־בענט מען איהם אויך פאר א פיינעם מענשען, פאר א היימישען אפילו ביי ר׳ שמעלקען אין הויז.

— וואס זאל איך דערצעהלען פון מיין טאָכטער, זיא איז ב״ה ניט ביי מיר קיין איין איינציגע, איך האָב ב״ה אכט קינדערלאך, זיי זאלען מיר נאָר געזונד און שטארק זיין, דיא וואס איהר האט געזעהען איז דיא עלטערע.

דער שניידער האט דערווייל גענומען א שטיק קאָרט צוואוואָרפען איבערן טיש און מיט א קריידעל אָנגעהויבען צייכענען. דיא שער איז שוין געלעגען נעבען איהם גרייט צו מקיים זיין באלד דעם גאנצען פלאן, וואס דער שניידערשער קאָפּ האט פארטראכט, מיט דעם קריידעל צייכנענדיג אויף דעם קאָרט.

— אייער טאָכטער העלפט אייך אויך אין אייער ארבייט ?—האט יוסעל ווייטער געפרעגט, פארציהענדיג שטארק זיין פאפיראָס, וואס האט געשטעקט אין א גראָבען בערשטינענעם ציגארען־שפיטץ.

— ביי מיר ? ניין, זיא ארבייט אין א מאגאזין פון דאמסקע שליאפּעס, האט דער שניידער געענטפערט, און דיא שער האָט אונטער זיינע פינגער א רעד געטאָן מיט דעם קאָרט.

— א פנים אייער מאגאזין טראָגט אייך ניט אין גאנצען אויף פרנסה, האט יוסעלע געזאגט, ארויסלאָזענדיג פון מויל קונצענדיגע רויכענע בוינעלעך און קוקענדיג ארויף וויא זיי צוגעהען זיך, סטאיען ניט, און עס קומען צו נייע, ביז זיינע פוללע באַ־קען האבען זיך צוריק איינגעשרומפּען.

— אויף פרנסה וויא אזוי עס איז טראָגט עס ב״ה, נור אז א קינד וואקסט אונטער און עס דארף ארויסגעהן וויא א מענש, איז ניטאָ מיט

וואס. אוודאי וואָלט איך געוואָלט צעהן מאָל אזוי פיעל ארבייטען, אבי מיין קינד זאָל נים דארפען ארבייטען אין דער פרעמד, נור וואס קען מען טאָהן, נים יעדענס מזל איז גלייך, אז זיא האט פערגעניגען פון קליידען זיך שעהן, לאָז זיא זיך פערדינען. פון איהרע פערדינסטען צאהלט זיא א לעהרער, וואס קומט צו מיר אין הויז יעדען טאָג אויף א שעה, וואס קען איך האבען צו איהר דערפאר?

דער שניידער איז געוועזען זעהר צופרידען, וואס ער האט דערציילט, אז זיין טאָכטער קען שרייבען און לייענען, דאס הייסט, אז זיא איז א געבילדעטע אויך.

דיא שער איז שוין דערווייל דערגאנגען דעם עק פון דעם גאנצען שטיק קאָרט. ער האט צוזאמענגעלייגט אללע קאָרט-גלידער אויף איין אָרט און יוסעלע האט שוין אָנגעהויבען טראכטען פון אוועק געהן, טראַכטענדיג ביי זיך: „ר׳ שמעלקעס זוהן און קאַפּעל שניידערס טאָכטער, א מאָדיסטקע אין א מאגאזין״....

דערווייל איז זיא אָנגעקומען, געזאָגט דעם פאטער ער זאָל געהן עסען, זיא וועט זיטצען אין מאגאזין. דער שניידער האט אָנגעוויזען אויף גאָלדעטשקען. געזאָגט יוסעלען: „אָט דאס איז מיין טאָכטער״ און איז אריין אין דער אייגענער טהיר, פון וועלכע זיין טאָכטער איז נאָר וואס געקומען.

— איך קען אייך, מיר פלעגען זיך אָפט בעגעגענען נעבען באנק, האט זיא געזאגט מיט א זיסער שטימע, און א גאנצע פאטלע ויידענע בלאָנדע האָר האבען זיך צופּאטעלט איבער דיא אויגען און מ׳מט דער האנד צוריק זיי פארוואָרפען אויף זייערע ערטער.

איך געדיינק אייך זעהר גוט, וויא כמעט יעדען טאָג צווועלף א זייגער פלעגען מיר זיך באגעגענען נעבען באנק און איהר פלעגט אָפט שטעלען זיך קוקען וויפיעל דער זייגער האלט.

— ווייל אין דער צייט מוז איך געהן אין מאגאזין, וואו איך ארבייט און וויל קיין מאָל נים פערשפעטיגען.

— וויא אזוי זשע האט איהר געוואוסט ווער איך בין? אייער

פאטער האט איך געווים געזאָגט, ער נייט פאר אונזער הויז שוין א לאנגע צייט.

— ניין, איך וויים ניט ביי וועמען מיין פאטער נעהמט ארבייט. איך קען איך גלאט אזוי, ווער קען ניט אין וו. ר׳ שמעלקעס זוהן.

יוסעלע האט ניט געקענט רעדען, ער איז ווייטער וויא פארטומעלט געוואָרען, אָבער ניט וויא פריהער, נאָר עפּעס וויא פון גוטען ווייך. איהרע אויגען, וואס האבען איצט געקוקט נאָר אויף איהם, האבען דערוואַרימט זיין הארץ, און מיט אזא געשמאַקע ווארימקייט, וואס ער האט דעם ערש־טען מאָל אין זיין לעבען געפיהלט.

דאָ אין מאגאזין האט ער זיא דאס ערשטע מאָל געזעהען: אָהן א פּאַלטאָ, אָהן א היטעלע, נור מיט צוויי זעהר לאנגע, געדיכטע האָר, א אויסגעגאָסענע, שעהנע פיגור מיט א זעלטענע שעהנע טאַליע, געזונד, יונג בלוט האט געשפּיעלט אין איהרע באַקען. ער האָט פערגעסען אָן אללעס, ער האט פערגעסען ווער ער איז און ווער זיא איז, ער האט אפילו פער־געסען פון זיין גליק, וואס „ער, יוסעלע, איז געבוירען א בחור ניט קיין מיידעל״.... ער האט געהרעבענט פאר א גליק, וואס זיא רעדט מיט איהם. אין דער מינוט וואָלט ער זיך ענטזאגט פון אלעס אין דער וועלט, נור זיא זאָל רעדען און רעדען און ער זאָל הערען און הערען.

אין מאגאזין איז אריינגעקומען איינער, זעהר א שעהנער יונגער מאנן, רייך געקליידעט נאָך דער לעצטער מאָדע. ער האט זעהר פריינדליך גע־דריקט איהר האנד, געפרעגט וואו איז דער פאטער, און ווען זיא האט געוואָלט לויפען איהם רופען, האט ער געזאָגט „מען דארף ניט״. זיא זאָל נור איבערגעבען, אז ער איז דאָ געוועזן. ער פאָהרט מאָרגען, זאָל דיא ארבייט דורכאויס זיין פערטיג. ער האט איהר ווייטער פריינדליך געדריקט דיא האנד, געוואונשען איהר אלעס גוטס. זיא האט איהם מיט א שטילען געלעכטער זעהר געדאנקט און ניט ארויסגענומען איהר האנד פון זיינע. ער האט נאָך א מאָל איבערגעהזרט זיין פריהערדיגע בקשה, ניט ארויסלאָזענ־דיג איהר האנד, און איז אוועקגעגאנגען, און יוסעלע איז ווייטער געבליבען מיט איהר אליין.

א העלעשער פייער האט זיך אנגעצונדען אין יוסעלע׳ס אללע אברים פון דער דאזיגער סצענע מיט דעם יונגען מאנן. אין דער מינוט, ווען ער זאל האבען קרעפטען, עס זאל נור מעגליך זיין, וואלט ער גאלדעטשקען באלד צונענומען פון דעם ארט און זיא אין זיין פייער־קאססע פערשלאסען צוזאמען מיט זיינע טהייערע, ליעבע יעקאטערינעס, אז קיין לעבעדיגער מענש זאל זיא ניט זעהן. ער האט דעם יונגען מאנן ניט נאר ניט פערגונען וואס ער האט איהר האנד אזוי לאנג געדריקט און זיא זיינע, נור אפילו וואס איהרע אויגען האבען געקוקט אויף איהם און זיינע אויף איהר, האט ער אויך ניט געקענט איבערטראגען. עס האט איהם געקריינקט ביז אין דער זיבעטער ריפ. און ער, ער האט זיך אפילו צו איהרען א פינגער ניט צוגעריהרט....

— וואס האט איהר זיך, ר׳ יוסעל, אזוי פערטראכט, האט איהם גאלדעטשקע איבערגעשלאגען.

ער איז אויפגעשטאנען פון זיין ארט און איז צוגעגאנגען צו איהר נעהענטער, פונקט וויא ער האט זיך עפעס גערעשעט טאהן א וויכטיגע זאך. גאלדעטשקע האט עפעס ניט פערשטאנען זיין ווילדען צוגאנג און ניט ווילענדיג האט זיא געמאכט איין טריט צוריק.

— פאר וואס האב איך אייך דיא לעצטע דריי וואכען מעהר ניט בעגעגענט?

— וויל איך נעה שוין מעהר ניט אויף דער גאס, דער מאגאזין וואו איך ארבייט איז איצטער גאר אויף איין אנדער גאס. שוין־זשע, ר׳ יוסעל, אינ־טערעסירט אייך מיך צו בעגעגנען, ווען איהר צעהלט דיא וואכען, האט זיא געפרעגט פערוואונדערט.

— יא, זעהר, וויא איהר קענט זיך נאר פארשטעלען.

— און איך האב ניט געוואוסט, האט זיא געזאגט נאך מיט מעהר פערוואונדערונג און א קוק געטאהן מיט א פאר גרעסערע אויגען, נור אזוינע שעהנע, אז יוסעלע האט גלייך אין זיי ניט געקענט קוקען, ער האט זיינע אויגען וויא א פערשעמט אינגעל אראבגעלאזט.

מיט עפּעס א רחמנות פון איהר שטענדיג גוט הארץ האט זיא ניט אויפגעהערט קוקען אויף איהם.

— איהר געדענקט ווען מיר האבען זיך געזעהן אויף דעם פּאָזשאר?

— ניין, ווען איז דאס געווען?

— פונקט דריי וואָכען צוריק, איך האב זיך מיט אייך גערעדט, איהר זייט געשטאנען מיט ווייבער אויף א באנק, איך האב אייך געפּרעגט ביי וועמען עס ברענט, זייט איהר וויא אין כעס געווארען אויף מיר.... און האט מיר געהייסען העלפען קאטשען וואססער.

גאָלדעטשקע האט א שמייכעל געטאהן און יוסעלע האט אנגעהויבען האָרחלען. דיא ווערטער זיינען איהם געבליבען אין האלדז. ער האט ניט געקענט ווייטער ריידען, וויל איהר פאטער איז אנגעקומען, אבווישענדיג זיך דיא באָרד פון עסען און מיט א האלבען ביסען אין מויל האט ער איהר געזאָגט:

— איך האב שוין אָבגעגעסען, דוא קענסט שוין, מיין טאָכטער, געהן.

V.

גאָלדעטשקע.

גאָלדעטשקע האט זיך שטארק פאראינטערעסירט, וויא נור יעדע יונגע פריילין קען זיך פאראינטערעסירען ביי אזא פאלל. יוסעלען איז אוודאי געווען ביטער. זיי האָבען ביידע ניט געוואוסט וואס צו טאָהן און צו שיידען זיך זיינען זיי אויך ניט געווען אין שטאנד.

גאָלדעטשקע האָט לאנג ניט געטראכט און געזאָגט יוסעלען:

— קומט אריין צו אונז אביסעל זיטצען.

קאָפּעל דער שניידער האט זיך אזוי דערשראָקען פאר דעם עזות פון זיין שטענדיג סקראָמנע, שטילע, גוטע און וואוילע טאָכטער, אז ער האָט זיא געוואָלט אָנכאפּען ביי דיא צעפּ און ארויסווארפען זיא פון דער קלייט מיט א געשריי: „דיא עזות׳ניצע! וואס מיינסטו אז דוא האָסט שוין אָנגעטאָן א ציטען קליידעל פאר דריי רובעל איז ר׳ שמעלקעס זוהן שוין דיין גלייכען, ווען דוא האָסט איין עזות בעטען איהם צו זיך אין שטוב״. נור

איידער ער האט זיך א ריהר געטאָן, איז שוין יוסעלע מיט גאָלדעטשקען ניט געווען אין מאגאזין.

עס איז איהם ניט נור באלד אראָפּ דער כעס, נור ער האט זיך געשעצט גליקליך, וואס ער האט אזא טאָכטער, וואס האט אזוינע מעלות, אז ר׳ שמעלקעס זוהן קען זיטצען ביי איהם אין ארעם, איינגען שטיבעל או רעדט מיט זיין טאָכטער ניט וויא א זאקאזשטשיק, נור וויא א בעקאנטער, אין דער צייט ווען איהר פאָטער, ווען ער קומט צו ר׳ שמעלקען אָדער מאקי צו דעם איינענעם יוסעלען, שטעהט ער אין פאָדער־הויז א האלבע שעה איידער מען לאזט איהם אריין.

— וואס העלפט אז איך האָב פיינע קינדער אז איך בין פאָרט א שניידער! האט ער צו זיך געזאָגט מיט א גרויסען זיפץ.

ער האט באלד דורך א שניידער־יונג מודיע געווען זיין וויב, אז זיא זאָל באלד צוטרייבען פון דעם איינציגען צימער אללע קינדערלאך אין מאסטערסקאיא, זעהן וויא עס איז אויפראמען, אויפשטעלען דעם סאמאָוואר און דערלאנגען טהעע מיט איינגעמאכטס, ווייל דער יונגער מאן איז „ר׳ שמעלקעס זוהן״.

* *

*

.... איך קען אייך נאָר ענטפערן מיט דעם הייסען סאמאָוואר אין קאָפּ אריין און אויב עס איז קארג, קען איך אייך צוגעבען אָט דיא אללע גלעזער און שאָלען, אללעס וואס שטעהט אויף דעם טיש, האטש דאס אללעס איז מיין פאטער שווער אָנגעקומען, אָבער אונזער כבוד איז אונז טהייערער פון געלד, אפילו פון אייערע טויזענדער, וואס איהר לייגט מיר פאָר. פאר טויזענדער קען אייך אפשר ענטפערן וויא איהר ווילט, היינטיגע געבילדעטע אָדער רייכע פריילין און פרויען. איך וויים ניט, איך זאָג אייך נאָר אפשר, ווייל זיי האבען פרייע צייט און ווייסען ניט וואו דיא צייט אהין צו טאָהן, אָבער ניט איך ארעמע, וואס קען מעהר ניט וויא דאוונען. שרייבען און לייענען, אזוינע וויא איך, געוויס ניט. איך בין ארעם וויא דאס יודישע פאָלק און דערפאר בין איך אפשר טאקי

אונגליקליך ווי א מיין ארעם פאלק, נור איך בין זייערע א שוועסטער — איך בין א אידישע טאכטער! — א אידישע טאכטער וואס ווייסט פון ארבייט. א אידישע טאכטער ווייסט נים פון פרייע ליידיגע צייט, — איך גיב אייך אפילו נים דעם ענטפער, וואס איך האב אייך נאר וואס געזאגט און וויל עס זעהר, נאר איך טהו עס נים דערפאר, ווייל פאר א אידיש מיידעל פאסט דאס אויך נים. איך בעט אייך, ר׳ יוסעל, געהט אייך געזונטערהייט!

גאלדעטשקע האט געוואלט אוועקגעהן, נור ער האט זיא אנגעהאפט ביי א ארבעל און האט זיך צו וויינט ווי א קליין קינד.

— איך וויל אייך זאגען נאך איין ווארט.... איין ווארט.... האט ער קוים אויסגערעדט, שטילל איינהאלטענדיג זיך פון וויינען.

טרעהרען האבען שטענדיג וויך געמאכט גאלדעטשקעס הארץ, עס האט געמענט זיין טרעהרען פון א ראזבאיניק, און זיא איז געבליבען שטעהן.

— וואס דען זאל איך טאהן, ווען איך האב אייך אזוי שטארק ליעב, אז איך קען א מינוט אהן אייך נים לעבען.

— איך פערשטעה נים, וואס פרעגט איהר דא. ווען מען האט אמת ליעב, לעגט מען נים פאר אזוינע זאכען. ווער עס האט אמת ליעב, דער האט חתונה פאר דער וואס ער האט ליעב, נאטירליך, אויך נאר דאן, ווען זיא בעשטעהט אויך חתונה האבען פאר איהם.

יוסעלע האט געעפענט מויל אויערען, ווי גלייך „זיא האט איהם געעפענט אמעריקא״, ווי גלייך דאס ווארט „חתונה״ הערט ער דאס ערשטע מאל.

— און איהר בעשטעהט מיט מיר חתונה צו האבען?

— איך בין צו ארעם איך זאל נים וועלען ר׳ שמעלקען פאר א שווער, איך האב צו פיעל ליעב מיינע טרייע עלטערען, איך זאל פון זיי אוועקנעהמען דעם פערגעניגען און גליק צו האבען ר׳ שמעלקעס זוהן פאר איין איידעם.

— איהר ערלויבט מיר אריין צו קומען צו אייך יעדען טאג?

— אונזער קליין צימערל האט ברייטע טיהרען פאר אללע ארענטליכע מענשען, וואס טראגען נים מיט זיך קיין זיימינע שלעכטע מחשבות, און

אויב איהר פיהלט זיך אין שטאנד אויך אזוינער צו זיין, ביטטע, מיט פערגעניגען, איהר וועט שטענדיג ביי אונז זיין א שעהנער גאסט.

— און קיינער וועט ניט וויסען אז איהר האָט געוואָלט מיר מיט דעם סאמאָוואר.... און פאר וואס איהר האָט דאס געוואלט טאָהן ?

א אָרענטליכער מענש דערצעהלט ניט אזוינע זאכען אפילו ווען ער זאָל עס יא טאָהן, ווארום וויא ער זאָל זיין פאָלקאָמען גערעכט, ליידט דערביי זיין כבוד אויך, ובפרט נאָך איהר זייט זיך אַליין מודה, אז איהר זיינט שולדיג, בין איך אייך מוחל מיט דעם גאנצען הארצען. נור אז איהר האָט יא געוואוסט, אז אזוינע געדאנקען איז שלעכט צו האָבען, צו וואס זשע האט איהר זיי ארויסגעזאָגט ?

— איך בין ניט שולדיג.... איך האָב פריהער ניט געוואוסט.... איך האָב שטענדיג געמיינט, אז קיין טהייערעס פון געלד איז גאָר ניטאָ און מיט געלד קען מען קויפען אלעס. איהר, טהייערע, הייליגע גאָלדע, האָט מיר דאס ערשטע מאל מיינע אויגען געעפענט....

— אומגליקליכער ! — האט זיא געזאָגט און טרעהרען האבען זיך איהר געשטעלט אין דיא אויגען פון גרויס רחמנות אויף דעם ארעמען אומגליקליכען מענשען. אין דעם מאָמענט האָט יוסעלע אויסגעזעהען ביי איהר אין דיא אויגען א קראסאוועץ, א חן האט וויא עפּעס גערוהט אויף יוסעלען.

ניט בעטראכטענדיג האָט זיא אָנגעכאפּט זיין האנד, שטארק און ווארים געדריקט.

ניט פון ליעבע צו איהם נאר פון גרויס רחמנות צו דעם אומגליקליכען מענשען, שטארק וועלענדיג איהם העלפען אויסרייניקען׳איבערנטצעווען זיין פארבלאטיגט הארץ, זיין אומריינע נשמה.

יוסעלע איז אונטערגעשפרונגען פון גרויס גליק, פיהלענדיג איהר וואקעמע האנד ביי זיינער, האט ער געפיהלט וויא זיא האָט אין איהם אנגעצונדען א הייליג פייער.

עס איז שוין געווען שפעט באנאכט, מען האָט זיך שוין ביי קאָפּלען בעדארפט לייגען שלאָפען, ער האָט געמוזט אוועקגעהן, ביים געזעגענען זיך האָט ער שטארק געדריקט איהר האנד און זיא האָט איהר האנד ניט ארויסגענומען.

— מאָרגען קען איך קומען צו אייך? האָט ער געפרעגט.

— מיט פערגניגען. מיר קענען שטענדיג זיין בעסטע פריינד.

יוסעלע איז פון גאלדעטשקען אוועק געגענגען דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט, מיט א פעסט געדאנק, אז נאר זיא, וועט זיין אין גיכסטען זיין פרוי, זיין פאָטער מעג ניט וועלען, דיא גאנצע וועלט מעג זיך איבער קערען.

VI.

שלום גרינבוים.

א גאנצע נאכט האָט יוסעלע נאָר געדיינקט אזוי וועגען גאָלדעטשקען וויא אין דער מינוט ווען ער האָט זיך געזעגנט מיט איהר, אבער זיין הארץ איז אין גאנצען נאָך ניט געווען אבגערייניגט.

ער פלעגט טאקי אָפט אריינקומען צו גאלדעטשקען, קיין שלעבטע געדאנקען איז איהם מער ניט אויפגעקומען, ער האָט טאקי זעהר געוואלט זיא זאָל זיין זיין פרוי, נאר עס האָט זיך ווידער געיאָוועט ביי איהם פראגען: „ר' שמעלקע, קאָפעל שניידער, צוואנציג טויזענד רובל. א. ז. וו. וויא קען דאס זיין? און פאר וואָס קען דאָס ניט זיין? יוסעלע האָט נאָר ניט גערעשעט נאָר ער האָט זיך שטאַרק געמוטשעט.

איין מאָהל האָט ער זיך באגעגענד מיט זיין אלטען חבר שלום גרינבוים מיט וועלכען ער האָט אמאָהל אין חדר געלערנט, פון וועלכען מיר ווייסען, פלעגט ער שטענדיג לאַכען פאר וואָס גרינבוים האָט געזאָגט אז ער וועט נעמען דיא כלה וועלבע עס וועט איהם געפעלען עס מעג יאָ זיין נדן אדער ניט.

ער האָט זיין גאנצע הארץ פאר איהם אויסגערעדט, איבערגעגעבען ווארט ביי ווארט. קיין זאך ניט פארלייקענט.

גרינבוים האָט איהם וויא א גוטער פריינד געראָטען אויב זיא וויל נאר זאָל ער גאר ניט טראַכטען און ניט קוקען אויף קיין שום זאך, ווארום קיין גרעסערען גליק פון האָבען אזא פרוי, איז ניט דא אויף דער וועלט, אזא פרוי דארף מען הייניטיגע צייטען זיכען און זוכען.

גרינבוים האט באמת פארשטאנען וואס פאר א טייערע יודישע טאכטער גאלדעטשקע איז.

יוסעלע האט זיך אליין ניט געראשעט נאר געמוטשעט זיך, כאטש זינט ער האט זיך געסאוועטעוועט מיט שלום גרינבוים'ן איז שוין אוועק געגאנגען צוויי וואכען.

שלום גרינבוים איז געווען איינער פון דיא זעלטענע יונגע לייט וואס היינטיגע יאהרען דארף מען זיי באטאג זוכען מיט א לאמטערן.

אללעס האט זיך געפונען אין: בילדונג, שיינקייט, א טייער הארץ, א געזונד־טען גלייכען שכל, אליין קערפערליך געזונדט און מיט א פעסטען כאראקטער, אויך פון פיינע און רייכע עלטערן. ער האט זיך פאראינטערעסירט מיט גאלדעטשקען, ער האט זיך בעקענט און א סך גערעדט מיט איהר. ער האט זיא פערשטאנען נאך איהר ווערטה נאך.

— אזא מוזשיק!.... און ער טראכט נאך, — האט ער שפעטער דערצעהלט זיינעם א גוטען פריינד, וואס האט אויך געקענט יוסעלען ר' שמעלקעס, — נאר דאס פארדריסט מיך, וויא האט אזא זעלטענע פריילאן זיך ענטשלאסען חתונה האבען פאר אזא געלד און מענשען־פרעסער, אזא פראצענטניק, אזא מוזשיק! נאר איז עפעס א וואונדער אויף א ארעמע שנידערס א טאכטער, אז היינטיגע צייטען, לויפען נאך אזוינע מוזשיקעס גראבע יונגאטשעס אפילו דיא געבילדעטסטע און רייכסטע פריילען, וואס איז? ער וועט אמאהל אויסוואקסען מיט זעקלעך קערבלעך, געביל־דעטסטע און פיינסטע עלטערן לויפען נאך אזוינע איידעמס, וואס־זשע נעבעך זאל טהון אזא ארעמע גאלדע.

אפילו היינטיגע פרויען וואס האבען שוין מאנען מיט קינדער און אויב דיא מאנען קענען זייא ניט געבען וואס זיי דארפען, זאגען זיי דען ניט איהר אומגליק־ליכען מאנן:

— וואס קומט מיר ארויס פון דיין וואוילקייט און פיינקייט, פון דיין גוט הארץ און ערליכקייט אז דו קענסט מיר ניט געבען וואס אנדערע מאנען געבען זייערע פרויען.

יודישע מוזשיקעס געוועלטיגען היינט אין אונזער יודישער וועלט. ניין! ניט

דער אמתער „יודישער מוזשיק” און מוזשיקעם וואס מיר קענען פון אמאהל מיט זייערע ריינע יודישע אידעאלען, זיי האבען אללעס געהאט, אללעס פארמאגט, און אללעס געוואָרפען צוליעב זייערע אידעען ארויס צו רייסען זיך פון פראצענט, וואכער־ניקעס, האנדעל וואנדעל, שאכער מאכער און וועלכער דיא טריעריגע צייטען פון דער געשיכטע האט זיי מיט געוואלד ניט ווילענדיג אריין געווארפען, און זיי דיא אמתע יודישע מוזשיקעס וואס מיר קענען פון אמאהל האבען ניט געקיקט אויף זייער בילדונג און פערמעגען, זיי האבען אללעס געוואָרפען און זיך גענומען צו ערליכע ארבייט, ניט מורא געהאט פאר קיין זאך און געווען גרייט איבער צו טראגען אללע שווערע ארבייט ביז זיי זיינען געקומען צו זייער צוועק, דער אין פאלעסטינע, דער אין אמעריקא און דער וואס איז נאך ניט געווען אין שטאנד אויס צו פיהרען זיין פלאן האט אין וויניג־סטען געטראכט דער פון, זיטצענדיג ביי זיין קלייטעל ארויסקוקענדיג אויף קונים אדער מעסטענדיג דעם ארשין ציטץ, היינטיגע יודישע מוזשיקעס־פראצענטניקעס, האבען אויך אנגעהויבען וועגען די לענדער וואו איוד האט אללע פראווים (ד. ה. „פראוועס”, נאך די פראצענטניקעס פאר שטאנד, וואו מען מעג נעמען דעם גרעסטען פראצענט) .

און אפילו דער וואס פאהרט שוין אין יענע לענדער ארבייטען פאהרט ער ניט מיט דער אמתער הייליגער יודישער אידעע אזוי וויא אמאָהליגע יודישע מוזשיקעס אללעס אליין איבער צו טראגען ניט שרעקענדיג זיך פאר אללערליי שווערקייטען, היינטיגע יודישע מוזשיקעס פאהרען פריהער אויסזעהן, אויסקוקען דאָס לאנד צו עס וועט איהם געפעהלען, געפעהלט איהם ניט, קומט ער צוריק און שינדט נאך שטארקער פראצענט פון אונזערע אומגליקליכע ברידער, ווארום עס האָט איהם געקאָסט הוצאות מיט צוויי דריי חדשים צייט.

און וואָס האָט ער דערלייגט צים פאהרען ? דער ווייל איז ער געווארען ביי יודען א נייער „עזרא” א „זרובבל”.

— ליעבער שלום, האָט איהם זיין פריינד איבערגעשלאגען, וואס האָסטו זיך אזוי צו היצט, פאר געס ניט אין וואס פאר א צייט מיר לעבען, יעצט איז א שלעכטע צייט פאר אללע און נאך מעהר פאר יודען, איז דען איצט א צייט פון פארווירפע מאכען יודען אין זייערע פעהלער, זיי זאָלען ווערען בעסערע מענשען, בארעבען זיך נאר וואס דו רעדסט .

— נור יעצט! נור יעצט! נור אין דער שלעכטער צייט! האט זיך שלום נאָך מעהר צוהיצט, אין דער גוטער צייט קען א קאַטץ אויך זיין א מענש. נור אין דער שלעכטער צייט דארף מען זיך סטארען זיין מענשען, מיר אידען האבען ניט צו קוקען אויף אללע אנדערע, פון אונזער „אידישער געשיכטע״ זעהען מיר, אז אין דיא שלעכטע צייטען האט זיך ביי אונז, אידען, שטענדיג געפונען מענשען, און טאקי זיי — אונזערע זיידעס־מענשען, נור זיי האבען מיר צו פערדאנקען דאס, וואס אונז איז געבליבען. — מענשען! מענשען! דארפען מיר יעצט האבען, מענשען דארפען מיר זיך סטארען ווערען! ניט קיין היינטיגע אידישע מוזשיקעס „יוסעלע ר׳ שמעלקעס״ דארפען אונזערע יוגענד אויסוואקסען, נור אמאָליגע אמת׳ע אידישע מוזשיקעס, מיט אידישע הייליגע געפיהלען, מיט דעם אידישען ברען. דאס אלטע אידישע פייערדיגע פינטעלע דארף זיך יעצט אָנצינדען און פלאקערען מיט א גרײַם, העלל אידיש פייער, מעהר וויא אללע מאָהל. איך קען זיך ניט פארשטעלען, וואס וועט מיט אונז ווערען אפילו אין אזא קליינער צייט וויא אין איין צעהנדלינג יאהר ארום.

— א דור פון „יוסעלע ר׳ שמעלקעס״ וואקסט און האלט ערשט אין וואקסען! אָט וואָס אונז דאף שרעקען מעהר וויא אללעס! האט שלום איהם געשריען — ווען חו״ש מיר וועלען זיך אליין ניט פערבעסערען און ניט בעסער ערציהען אונזערע קינדער, וועלען מיר חו״ש דערלעבען א גאנצען דור, וואס א אמת׳ן אידען מיט אמת׳ע אידישע מעלות וועט מען דארפען זיפען און זוכען!

— יא, אָט דאס דארף אונז שרעקען מעהר וויא אללעס, האָבען ביידע פריינדע געזאָגט.

VII.

ענדע פון דעם ראָמאַן.

פון דער צייט אָן, זינט יוסעלע ר׳ שמעלקעס האט געמאכט דעם ערשטען וויזיט ביי קאָפּעל שניידער אין הויז, איז שוין אוועקגעגאנגען א יאהר און ער האט נאָך אלץ ביי זיך ניט געדעשעט, ניט יא און ניט ניין, נאר אלץ זיך געמוטשעט.

אין דער צייט איז איהם צוגעקומען נייע פראגען: וואס וועט זאגען די וועלט אויף אזא שידוך, אללע וועלען מיר נור אויסלאכען. דער איי־נענער שלום גרינבוים, וואס רעדט מיך אזוי צו, וועט אליין פון מיר דער־נאָך לאכען און אליין וועט ער חתונה האבען פאר א כלה מיט צוואנ־ציג טויזענד.

די לעצטע צייט האט יוסעלע אנגעהויבען ווינציגער און ווינציגער אריינקומען צו גאָלדעטשקען, „טאָמער וועל איך זיא פערגעסען, דאס וועט זיין די בעסטע זאך. צוואנציג טויזענד וועט בלייבען וויא אין קעשענע״, האט ער ביי זיך געטראכט.

אין צוויי חדשים אַרום האט יוסעלע בעקומען דורך דער פּאָסט א „חתונה בילעט״, וואו מען בעט איהם אויף א חתונה. ער האט איבערגעלעזען:

„אברהם גרינבוים ורעיתו מתכבדים לקרוא את כבודם אל „חופּת בנם כמ״ר שלום גרינבוים נ״י, עב״ג הכלה המהוללה מרת „גאָלדע תהי׳ בת ר׳ קאָפּיל ליכטמאנן נ״י „אשר תהי׳ אי״ה ביום ואו עש״ק ט״ו אלול תר.... ביער וו. בבית א. גרינבוים״.

— אך! מיין חבר שלום האט חתונה מיט מיין גאָלדעטש־קען!!! — האט ער מיט א שרעקליכען קול אויסגעשריען און געפאלען אין חלשות.

פון דער צייט אָן זינט ער האט בעקומען דעם חתונה בילעט, איז יוסעלע נאָך נים אויפגעשטאנען פון בעט. ער ליגט טויט קראנק אויף אלע זיינע אברים, נור ביים שכל איז ער נאָך געבליבען. זיין פריהער פאר־פאסקודעטע נשמה און זיין פארשמירטע הארץ האט זיך יעצט אין גאנצען אבגערייניגט, נור צו שפעט!

ווען ער זאָל געזונד זיין און גאָלדעטשקע זאל זיין א פריילין, וואלט ער נאָך איהר פאטער, דעם שניידער, צעהן, צוואנציג טויזענד צוגעצאהלט אין בייטעל אריין, נור צו שפעט! דעם ערשטען וויזיט ביי גאָלדעטשקען אין הויז דערמאָנט ער יעצט אָפט, ליגענדיג אין בעט.

— איך האב געמיינט, אז געלד איז דיא גאנצע וועלט, צום סוף האט א ארעם אידישען שניידערס א מיידעל געקוקט אויף מיר וויא אויף דעם ארעמסטען אונגליקליכסטען מענשען, וויא א אונגליקליכער אָרעמאַן האב איך ביי איהר געבעטען נדבות, זיא זאָל מיט מיר רעדען, זיא זאָל פאר מיר חתונה האבען און זיא האט מיר געגעבען נדבות נים ווייל איך, אָרעמאַן, בין ווערטה דיא נדבה, ניין, נור פאר רחמנות צו א׳ן אונגליקליכען מענשען! יעצט, ווען איך וויים, וויא מיין נשמה איז געווען פארשמירט, פערשטעה איך זיא.... נור איך בין נאָך געווען מיט א פארשמירטע הארץ און האָב זיא צו לאַנג געקווינקעלט, ביז דער וואס איז זיא באמת ווערטה (איך בין יעצט מודה) האט חתונה געהאט פאר איהר.

איך פיהל, וויא איך וואָלט זיא יעצט אויך ווערטה געווען און געוואוסט וויא זיא צו שעטצען, נור צו שפעט!.... אוי ווען איך זאָל געזונד ווערען! וואלט איך יעצט געוואוסט און פערשטאנען וויא צו אנפאנגען א נייע לעבען, נור צו שפעט!..... נור דוא איינציגער גאָטט ווייסט אז מיין נשמה איז יעצט ריין, זיי מיר האָטש מוחל מיט דיין גרוים רחמנות, דוא ווייסט, אז איך בין נים שולדיג, דיא עלטערן.... דאס ערציהונג.... דיא צייט.... דיא פינסטערע צייט.... שלום׳ן האסטו בעשאפען מיט א שטארקע הארץ, מיט א פעסטערן שכל וויא מיך, האט ער זיך געקענט

בּאָרען און ראַנגעלען מיט היינטיגער פינסטערער צייט און איז אויסגעוואַקסען וויא דוא ווילסט און האָסט ליעב, פאר וואס האָסטו מיך אזוי ניט בעשאפען וויא שלום׳ן? אוי גאטט! פּרואוו מיך יעצט מאכען פאלקאמען געזונד, ועסטו זעהען אז איך וואלט נאר א׳ן אנדער מענש געווען, פּרואוו מיך, פּרואוו מיך, נאַטוניוא!......

ליעבע און טייערע לעזער און לעזערען! לאמיר לויפען, לאמיר שרייען, לאמיר וויינען און קלאגען אויף דיא בית הקברים — מעסטען פעלד, אין דיא שולען אריין — תהילים זאגען. לאמיר פאלען אין ארון קודש, לאמיר ניט אויפהערען פילדערן, גוואלדעווען און שרייען פאר אונזער לעבעדיגען און שטארקען גאטט, ער זאל וויא אם ניכסטען צושיקען א רפואה שלמה אונזערע אללע היינטיגע אידישע מושיקעס.—

שוין ערשיענען אין בוך־פארם

דער בעריהמטער ראָמאַן

די שעהנע אראבעללא

— פון —

קאטול מענדעס

וועלכער איז געווען געדרוקט אין „פאָרווערטס" אין פאָרטזעצונגען, און האט געמאכט די גרעסטע סענסיישאן צווישען דעם גאנצען לעזע־פובליקום.

דער ראָמאַן „די שעהנע אראַבעללא" איז זעהר אינטע־רעסאנט און שפּאַנענד צוליעב די ווילדע האנדלונגען וועלכע קומען אין איהם פאָר, און אלע וואס האבען דעם ראָמאַן געלעזען אין „פאָרווערטס" וועלען אויך מיט פערגעניגען דעם ראָמאַן ווידער לעזען אין בוך־פאָרם.

דער ראָמאַן „די שעהנע אראַבעללאַ" איז פּראַכטפאָל געדרוקט אויף שעהנעם פאַפּיר און איז געפאַסט אין א פיינעם קאָווער.

פּרייז 25 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, New York.

— די —

ווייסע שקלאווין

— פון —

א. זאלאטארעווסקי

וועלכע ווערט געשפיעלט **מיט גרויס ערפאלג אין ליפצין טהעאטער.**

איז די גרעסטע דראמא אויף דער אידישער ביהנע.

די אינטערעסאנסטע און שפאנענדסטע האנדלונג פיר טהעאטער בעזוכער.

דער בעסטער מוסר פיר יונגע מיידלאך און אונערפאהרענע פרויען.

דער סוזשעט איז זעהר רייך און ערהאבען און אזוי ווי אלס ווייסע שקלאווין ווערט געשפיעלט פון אזא קינסטלערין ווי מאדאם ליפצין האט עס ארויסגערופען א שטורם צווישען דעם גאנצען אידישען פובליקום, דער טהעאטער איז טאג ווי נאכט געפאקט און טיקעטס מוז מען קויפען מיט עטליכע וואכען א העד, פאטערס נעהמען מיט זייערע טעכטער און מענער זייערע פרויען און געהען זעהן דיזע וואונדערבארע דראמא אין ליפצין טהעאטער, אום צו זעהן און בעגרייפען די פאלגען פון א לעבען פון שאנדע און זיך אויסצוהיטען פון די ווייסע שקלאווין-הענדלער וועלכע זוּכען ארייניצוכאפען אין זייער נעץ יונגע מיידלאך און אונערפאהרענע פרויען.

די ווייסע שקלאווין

איז א מייסטערהאפטע קריטיק און איז אזוי שטארק און ריהרענד דאס ווי שטארק אייערע נערוועז זאלען נים זיין קענט איהר זיך נים צוריקהאלטען פון נים צו פערגיסען טייכען טרעהרען.

אט דיזע שטארקע דראמא פיר וועלכע אלע קריטיקער בויגען די קעפ און מוזען צוגעבען אז זא וואס איז נאך אויף דער אידישער ביהנע נים אויפגעפיהרט געווארען, איז יעצט ערשיענען אין איין ערצעהלונגספארמע און קאסט

בלויז 5 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער ווי אויך ביי די פערלעגער

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.